# 5. דאָס שטאַרקע ייִנגל

ס'איז געווען אַ קייסער, האָט ער געדאַרפֿט חתונה מאַכן אַ טאָכטער. האָט ער זיך געלאָזט רופֿן אַ פֿישער, ער זאָל אים כאַפּן אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל פֿיש צו זײַן טאָכטערס חתונה. האָט דער פֿישער זיך גענומען אַ שיפֿל און איז געפֿאָרן כאַפּן פֿיש. איז ער געפֿאָרן איין טאָג און האָט גאָרניט געכאַפּט; איז ער געפֿאָרן אַ צווייטן טאָג און האָט גאָרניט געכאַפּט; און אָפּן דריטן טאָג, ווען ער האָט שוין געזאָלט כאַפּן אַ פֿיש, האָט זיך דאָס שיפֿל איבערגעקערט און ער איז דערטרונקען געוואָרן.

דער פֿישער האָט געהאַט אַ ווײַב און אַ זעקסיעריק ייִנגל. האָבן זיי געזען, אַז ער קומט נישט צוריק, זענען זיי אַוועקגעגאַנגען צום וואַסער אים זוכן. זענען זיי געשטאַנען איין טאָג און האָבן אים געזוכט און נישט געפֿונען, און אָפּן צווייטן טאָג האָבן זיי אים געזוכט און נישט געפֿונען, און אָפּן דריטן טאָג, אַז אַ מענטש ווערט דערטרונקען, קומט ער דאָך אַרויף אָפּן וואַסער, האָבן זיי אים דערזען. האָבן זיי אים אַרויסגעצויגן פֿון וואַסער און געטון זײַן רעכט.

איצט פֿרעגט די מוטער דעם ייִנגל: „וואָס וועלן מיר איצט טון?“ זאָגט דאָס ייִנגל: „לאָמיר פֿאַרקויפֿן די שטוב און קויפֿן זיך אַ פֿערד־און־וועגעלע און פֿאָרן אָף דער וועלט, וועלן מיר פֿון דעם זיך דערנערן“. האָבן זיי פֿאַרקויפֿט זייער שטיבל און האָבן זיך געקויפֿט אַ פֿערד־און־וועגעלע און געפֿאָרן אָף דער וועלט. זיי זענען אומגעפֿאָרן אַ טאָג, זענען זיי זייער מיד און הונגעריק געוואָרן, האָט דאָס ייִנגל געזאָגט צו זײַן מוטער: „לאָמיר זיך דאָ אָפּשטעלן

אָפּן באַרג און נאָכלאָזן דאָס פּערד, ס׳זאָל זיך פּאַשען. און אונדז זאָלן מיר זיך לייגן שלאָפֿן.“ ווי זיי זענען אַנטשלאָפֿן געוואָרן, איז געקומען דעם יינגל דער פֿאָטער צו חלום און האָט אים געזאָגט: „זאָלסט וויסן, אַז דאָרט און דאָרט ליגט אַ שטיין. אונטער דעם שטיין וועסטו געפֿינען אַ זייבעלע,* און אַז דו וועסט דיר אָנטון דאָס זייבעלע, וועסטו ווערן דער שטאַרקסטער מענטש אויף דער וועלט. מיט איין שפּאַן וועסטו קענען מאַכן הונדערט מייל און דאָס זייבעלע זאָלסטו טראָגן אונטער דיינע קליידער, מען זאָל נישט וויסן, פֿון וואַנען דיין גבֿורה קומט.“ האָט זיך דאָס יינגל אויפֿגעכאַפּט און איז אַוועק צו דעם פּלאַץ און האָט געפֿונען דאָרט דעם שטיין. האָט ער אויפֿגעהויבן דעם שטיין, האָט ער געפֿונען דאָס זייבעלע און האָט זיך עס אָנגעטון אונטער די קליידער, און געגעבן איין שפּאַן — איז ער צוגעקומען צו אַ פּאַלעץ, וואָס איז געווען דריי הונדערט מייל אַוועק פֿונעם אָרט. דאָרט זענען געווען פֿערציק ריזן, יעדער ריז האָט געהאַט דריי קעפּ, און דער פּאַלעץ האָט געהאַט אַזאַ טויער, וואָס בלויז אַלע ריזן צוזאַמען האָבן אים געקענט אויפֿמאַכן, און ער אַליין האָט אָנגענומען די קליאַמקע און דער טויער האָט זיך אויפֿגעמאַכט. ווי דער טויער האָט זיך אויפֿגעמאַכט, זענען צוגעלאָפֿן די ריזן און האָבן דערזען, אַז אַזאַ קליין יינגל האָט אויפֿגעמאַכט דעם טויער. האָט אים דער עלטסטער פֿון די ריזן געפֿרעגט: „דו, יינגל דו, ווער האָט דיר אויפֿגעמאַכט דעם טויער?“ האָט דאָס יינגל געגעבן אים אַ פּאַטש און האָט דעם עלטסטן ריז דערהרגעט. האָבן זיך די אַנדערע ריזן דערשראָקן. האָט ער געזאָגט צו זיי: „האָט נישט קיין מורא, איך וועל אייך גאָרנישט טון. גיט מיר צו עסן פֿאַר מיין מוטער, און איך וועל איר אַוועקטראָגן, און איר זאָלט דורך דער צייט אויפֿקאָכן אַ קופּערנעם קעסל מיט בוימל, און אַז איך וועל צוריקקומען, וועל איך אייך ווייזן אַ קונץ מיט דעם בוימל.“ האָט ער אַוועקגעטראָגן

---

* אַ שווערדעלע.

דער מוטער דאָס עסן און ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער זיי געהייסן, זיי זאָלן זיך אַלע אויסשטעלן אין איין שורה און האָט זיי געצייגט, ווי ער הייבט אויף דעם קעסל מיטן בוימל מיט דעם מינדסטן פינגער, און האָט זיי אַלע אָפּגעקרילט* אָף טויט. אַז זיי זענען שוין אַלע געווען טויט, איז ער געגאַנגען ברענגען די מוטער, און זיי האָבן זיך שוין דאָרט באַזעצט.

איין מאָל איז ער געגאַנגען דורכקוקן די אַלע שטיבער, וואָס זענען דאָרט געווען אין פּאַלאַץ. האָט ער אין איין שטוב געזען אַ שטוב פול מיט זייבלען, איין שטוב פול מיט ביקסן, איין שטוב מיט מענטשלעכע סקעלעטן און מיט קעפּ פון מענטשן, אין איין שטוב געהרגעטע חיות און אין איין שטוב איז געווען אַ טיר צו אַ קעלער. האָט ער אויפגעמאַכט די טיר, האָט ער דערזען איינעם פון די פערציק ריזן צוגעשמידט מיט קייטן, וואָס איז געווען פאַר עפּעס באַשטראָפט פון די פערציק ריזן, וואָס זענען געהרגעט געוואָרן. האָט זיך דער ריז בײַ אים געבעטן, ער זאָל אים פרײַלאָזן. האָט ער נישט געהערט און האָט צוריק פאַרמאַכט די טיר און איז אַוועק אין די אַנדערע שטיבער. האָט ער דאָרט גע־טראָפן אַ מיידל, האָט דאָס מיידל געזאָגט: „וואָס טוסטו דאָ? מע וועט דיך נאָך דערהרגענען!“ זאָגט ער צו איר: „האָב נישט קיין מורא, איך וועל נאָך דיך ראַטעווען!“ האָט זי אים דערציילט, אַז זי איז אַ קייסערס אַ טאָכטער און די ריזן האָבן זי געפאַנגען דאָ. האָט ער זי אָפּגעפירט אַהיים אין איר שטאָט, און דאָס מיידל האָט אים געגעבן אַ רינגל מיט איר נאָמען פאַר אַן אָנדענק, און אַז זיי וועלן זיך אַ מאָל טרעפן, וועט זי מיט אים חתונה האָבן.

אין דער צײַט, ווען ער האָט אָפּגעפירט דאָס מיידל אַהיים, איז זיך זײַן מוטער געגאַנגען דורכקוקן די שטיבער. איז זי צו־געקומען צו דעם קעלער, ווו דער ריז איז געלעגן געבונדן, האָט דער ריז געבעטן, זי זאָל אים פרײַלאָזן. האָט זי אים אָפּגעבונדן

---

* אָפּגעבריט.

פֿון די קייטן און האָט אים פֿריַיגעלאָזן, און זיי האָבן זיך ביידע פֿאַרליבט. האָט דער ריז געפֿרעגט די מוטער, פֿון וואַנען נעמט זיך, וואָס איר ייִנגל איז אַזוי שטאַרק. האָט זי געזאָגט, זי ווייס נישט. זאָגט ער צו איר: „אַז דו ווילסט, אַז אונדז ביידע זאָלן מיר דאָ לעבן גליקלעך, מוזן מיר דײַן ייִנגל פּטור ווערן. איין וועג אָף פּטור צו ווערן פֿון אים איז: אַז ער וועט אַהיימקומען, זאָלסטו דיך אַוועקלייגן און מאַכן זיך קראַנק און זאָלסט אים זאָגן, אַז דו מוזסט האָבן ציגענע מילך פֿון די ציגן, וואָס געפֿינען זיך דאָרטן אין וואַלד, וועסטו געזונט ווערן.“ אָבער צו קריגן די מילך פֿון יענע ציגן האָט מען געמוזט געהרגעט ווערן. האָט זי געזאָגט: „גוט, כ׳וועל אַזוי טון“. און דער ריז איז צוריק אַרײַן אין קעלער און האָט זיך באַהאַלטן.

אַז דאָס ייִנגל איז אַהיימגעקומען און האָט געטראָפֿן די מוטער קראַנק, האָט ער געפֿרעגט, וואָס איר איז. האָט זי געזאָגט, אַז ווען זי קען קריגן די מילך פֿון יענע ציגן, וואָס געפֿינען זיך דאָרטן אין וואַלד, וועט איר דערפֿון בעסער ווערן. האָט ער געזאָגט: „כ׳האָב זיך ערשט געשפּילט מיט די ציגן אין וואַלד און ווען איך זאָל געוווּסט וויסן, וואָלט איך דיר געוווּן געבראַכט“, און ער איז צוריק אַוועק אין וואַלד און האָט איר געבראַכט מילך פֿון די ציגן.

דעם צווייטן טאָג איז דאָס ייִנגל אַוועק אָף יאַגד אין וואַלד אַרײַן און זי האָט אַרויסגעלאָזט דעם ריז און האָט אים דערציילט, אַז זײַן מיטל האָט נישט געהאָלפֿן, ער איז פֿון די ציגן נישט געהרגעט געוואָרן. זאָגט דער ריז צו איר: „ווייסטו וואָס? כ׳האָב אַן אַנדער מיטל, ווי אַזוי פֿון אים פּטור צו ווערן: אין וואַלד איז דאָ אַ בוים מיט רויטע עפּל, און ווער סע גייט רײַסן די עפּל פֿון בוים, מוז אַרונטערפֿאַלן אין אַ קעלער אַרײַן, וווּ ס׳זענען דאָ הונדערט גזלנים, און דאָרט וועט ער זיכער געהרגעט ווערן פֿון זיי.“ האָט זי געזאָגט: „גוט, כ׳וועל אַזוי טון“. און דער ריז איז צוריק אַרײַן אין קעלער און האָט זיך באַהאַלטן. ווען דאָס ייִנגל

איז אַהיימגעקומען און האָט געפֿרעגט: „מאַמע, ווי אַזוי איז דיר? וואָס מאַכסטו?“ האָט זי געזאָגט: „ווען איך קען קריגן אַן עפּעלע פֿון יענעם בוים אין וואַלד, וואָלט איך זיך מחיה געווען“. זאָגט ער: „יאָ, כ'האָב געזען ערשט אין וואַלד אַ בוים מיט שיינע רויטע עפּל“, און איז אַוועק קריגן די עפּל פֿאַר דער מוטער. אָבער ווי ער איז געקומען צום בוים און איז אַרויפֿגעקראָכן רײַסן די עפּל, איז ער אַרונטערגעפֿאַלן אין קעלער פֿון די הונדערט גזלנים. און ווי ער איז אַרונטערגעפֿאַלן אין קעלער, האָט ער דאָרט דערזען אַ מיידל. פֿרעגט אים דאָס מיידל: „וואָס טוסטו דאָ? מע וועט דיך נאָך דערהרגענען!“ זאָגט ער: „האָב נישט קיין מורא, איך וועל נאָך דיך ראַטעווען“. און ווי זיי שטייען אַזוי, איז צוגעקומען דער עלטסטער גזלן און האָט געזאָגט צו אים: „דו קליינער סמאַרקל, וואָס טוסטו דאָ?“ האָט אים דאָס ייִנגל געגעבן אַ פּאַטש און האָט אים דערהרגעט. אַז די אַנדערע גזלנים האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי זיך דערשראָקן. האָט ער געזאָגט צו זיי: „האָט נישט קיין מורא, כ'וועל אײַך גאָרנישט טון, נאָר איין זאַך וויל איך פֿון אײַך, איר זאָלט מיר אַרויסגעבן דאָס מיידל“. האָבן זיי אים אַרויסגעגעבן דאָס מיידל, און ער האָט זי אָפּגעפֿירט אַהיים, אין דאָרף צו איר פֿאָטער דעם אַרענדאַר. און זי האָט אים געגעבן אַ זײַדן טיכל מיט איר נאָמען פֿאַר אַן אָנדענק, און אַז זיי וועלן זיך אַ מאָל טרעפֿן, וועט זי מיט אים חתונה האָבן. און ער איז אַהיימגעגאַנגען מיט די עפּל צו דער מוטער.

אָפֿן צווייטן טאָג איז ער ווידער אַוועק אָף יאַגד אין וואַלד אַרײַן, איז ווידער אַרויסגעקומען דער ריז פֿון קעלער, און זי האָט אים דערציילט, אַז דאָס מיטל האָט אויך נישט געהאָלפֿן, דאָס ייִנגל איז פֿון די גזלנים נישט געהרגעט געוואָרן. זאָגט דער ריז צו איר: „כ'האָב אַן אַנדער עצה, ווי אַזוי פֿון אים פּטור צו ווערן: דאָ אין פּאַלעץ איז דאָ אַזאַ וואַנע מיט אַן אײַזערנעם דעק, און אַז ער וועט אַהיימקומען און וועט דיך פֿרעגן, וואָס דו מאַכסט, זאָלסטו זאָגן, אַז דו ביסט בעסער און דו ווילסט, אַז ער

זאָל זיך אָפּבאָדן, ווײַל ער זעט אויס זייער פֿאַרשמוצט און מיד. און אַז ער וועט אַרײַנגיין אין דער וואַנע, זאָלסטו צו און צו־קלאַפּן די אײַזערנע דעק, און איך וועל אַרויסקומען פֿון קעלער און וועל פּטור ווערן פֿון אים." און אַז דאָס ייִנגל איז אַהיימ־געקומען און האָט געפֿרעגט דער מוטער, וואָס זי מאַכט, האָט זי געזאָגט, זי איז בעסער און האָט אים אָנגעפֿאַנגען בעטן, ער זאָל זיך אָפּבאָדן אין דער וואַנע. האָט דאָס ייִנגל פֿון אָנפֿאַנג נישט געוואָלט, נאָר זי האָט אים אַזוי לאַנג געבעטן, ביז ער האָט איר צו ליב געטון. און ווי ער האָט זיך אויסגעטון, האָט ער אויפֿ־געהאַנגען דאָס זייבעלע אָף דער וואַנט: וואָס דאַרף ער מורא האָבן? ס'איז דאָך זײַן מאַמע! איז ער אַרײַן אין דער וואַנע. אָבער ווי ער איז אַרײַן אין דער וואַנע, האָט זי צוגעקלאַפּט די אײַזערנע דעק און האָט אַרויסגערופֿן דעם ריז און האָט אים געצײַגט דאָס זייבעלע. האָט דער ריז זיך אָנגעטון דאָס זייבעלע, האָט אויפֿגעמאַכט דעם דעק פֿון דער וואַנע און האָט אַרויסגעלאָזט דאָס ייִנגל. דער־נאָך האָט ער אָנגעהיצט צוויי אײַזערנע שפּיזן און האָט דעם ייִנגל אויסגעברענט די אויגן, און האָט אים געגעבן אַ קאָפּ* אין הינטן אַרײַן און האָט אים אַרויסגעוואָרפֿן פֿון פּאַלעץ – „גיי!"

דאָס ייִנגל האָט שוין אָבער געוווּסט דעם וועג אין וואַלד, איז ער געגאַנגען בלינדערהייט, ביז ער האָט אָנגעטראָפֿן אַ בעטלער. פֿרעגט אים דער בעטלער: „וווּהין גייסטו?" זאָגט ער: „כ'ווייס נישט, וווּהין איך גיי, ווײַל איך בין בלינד". זאָגט דער בעטלער: „איך גיי אין דער און אין דער שטאָט, דאָרט איז אַ קייסערס אַ טאָכטער געראַטעוועט געוואָרן פֿון פֿערציק ריזן, אַ קליין ייִנגל האָט איר געראַטעוועט. דערפֿאַר קומט זי יעדן זונטיק אין קלויסטער און טיילט געלט צו אָרעמע לײַט." האָט זיך דאָס ייִנגל דערמאָנט אָן דעם קייסערס טאָכטער, וואָס ער האָט זי געראַטעוועט, און אָן דעם רינגל, וואָס זי האָט אים געגעבן אַ מתּנה. איז ער מיטן

---

* אַ בריק.

בעטלער אַוועק צום קלויסטער, האָבן זיך אַוועקגעזעצט אָף די טרעפּ פֿונעם קלויסטער און ער האָט זיך איבערגעדרייט דאָס רינגל מיט איר נאָמען אָף אינערוויייניק פֿון דער האַנט, זי זאָל עס נישט דערקענען. און ווען דעם קייסערס טאָכטער איז אַרויס פֿון קלויסטער און האָט אָנגעהויבן טיילן געלט צ די בעטלער, און אַז זי איז צוגעקומען צום יינגל און האָט אים געגעבן אַ מטבע אין דער האַנט אַרײַן, האָט זי דערקענט אָף זײַן האַנט איר רינגל מיט איר נאָמען. האָט זי אים געפֿרעגט: „ווער ביסטו?“ האָט ער געזאָגט: „איך בין דער, וואָס כ׳האָב דיך געראַטעוועט פֿון די פֿערציק רייזן“. האָט זי אים גענומען אין איר קאַרעטע און איז אַהיימגעפֿאָרן צו איר פֿאָטער, דעם קייסער, און האָט געזאָגט: „טאַטע, דאָס יינגל האָט מיך געראַטעוועט פֿון די פֿערציק רייזן און איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל מיט אים חתונה האָבן“. האָט דער פֿאָטער געזאָגט: „טאָכטער, וואָס ווילסטו טון? ער איז דאָך בלינד, ווי קענסטו מיט אים חתונה האָבן? כ׳וועל אים בעסער געבן אַ פֿאַרמעגן, ער זאָל קענען לעבן רויִק זײַן גאַנץ לעבן.“ האָט די טאָכטער געזאָגט: „ניין, טאַטע, איך מוז מיט אים חתונה האָבן; ווען דו לאָזסט מיך מיט אים נישט חתונה האָבן, וועל איך מיט אים אַוועק אָף דער וועלט“. אָבער דער פֿאָטער האָט איר נישט געוואָלט נאָכגעבן. האָט זי זיך איבערגעדרייט אירע קליידער אָף דער לינקער זײַט, זי זאָל אויסקוקן אָרעם, ווי אַ בעטלערין, און אַזוי איז זי מיט אים אַוועק אָף דער וועלט.

זענען זיי אַזוי לאַנג געגאַנגען, ביז זיי זענען געקומען אין אַ וואַלד אַרײַן. האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען און עפּעס עסן. האָט זי דערזען, ווי סע קוואַלט אַ וואַסער פֿון אַ שטיין. האָט זי געזאָגט צו אים: „ליבער מײַנער! דאָ גייט וואַסער פֿון אַ שטיין, קום, וועל איך דיך אַ ביסל אַרומוואַשן.“ אַז זיי זענען צוגעקומען צום וואַסער, האָט זי גענומען מיט אַ טיכל אים אַרומוואַשן, און וואַשנדיק זײַנע בלינדע אויגן האָט ער געגעבן אַ רוף אויס: „ס׳דאַכט זיך מיר, אַז איך זע די שײַן פֿון דער זון!“ ווי

זי האָט דאָס דערהערט, איז זי מיט אים געזעסן איין טאָג, אַ צווייטן טאָג און אַ דריטן טאָג און האָט אים געהאַלטן אין איין וואַשן די אויגן, ביז ער איז צוריק זעענדיק געוואָרן. האָט זי אים אַהיימגענומען צום פֿאָטער און האָט געזאָגט: „טאַטע, אָבער יעצט קען איך מיט אים חתונה האָבן?" האָט דער פֿאָטער געזען, אַז ער איז צוריק זעענדיק געוואָרן, האָט ער אײַנגעשטימט, אַז זי זאָל מיט אים חתונה האָבן, און זיי האָבן חתונה געהאַט. נאָך דער חתונה האָט ער זיך געזעגנט מיט זײַן יונג ווײַבל, האָט זיך געהייסן אָנזאָטלען אַ פֿערד און איז געפֿאָרן זען, וואָס זײַן מאַמע מאַכט. און ווי ער איז צוגעקומען צום פּאַלעץ, איז ער אַרונטערגעשפּרונגען פֿונעם פֿערד און האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַ בוים און האָט אַפּירגעקוקט. האָט ער דערזען, ווי די מאַמע גייט אין אָרעם געשלאָסן מיט דעם ריז שפּאַצירן. האָט ער איבערגעוואַרט, ביז ס'איז נאַכט געוואָרן, ווען די מוטער מיט דעם ריז זענען געגאַנגען שלאָפֿן, און האָט געזען, ווי דער ריז האָט אויפֿגעהאַנגען דאָס זייבעלע אָף דער וואַנט. און ווען זיי האָבן זיך געלייגט אין די בעטן, האָבן זיי אַרונטערגעדרייט דעם קנויט פֿונעם לאָמפּ, ס'זאָל ווערן טונקל אין שטוב. האָט ער איבערגעוואַרט ביז זיי זענען אַנטשלאָפֿן געוואָרן. איז ער אַרײַן דורכן פֿענצטער און האָט זיך אָנגעטון דאָס זייבעלע אָף זײַן לײַב. דערנאָך האָט ער אַרויסגעדרייט דעם קנויט פֿונעם לאָמפּ, אַז דאָס גלעזל פֿונעם לאָמפּ זאָל פּלאַצן, כּדי אַז די מאַמע מיטן ריז זאָלן זיך אויפֿכאַפּן. און ווען דאָס גלעזל האָט געפּלאַצט, האָט זיך די מאַמע אויפֿגעכאַפּט און האָט געגעבן אַ געשריי צום ריז: „טו דיר אָן דאָס זייבעלע!" אָבער דאָס זייבעלע איז שוין אָף דער וואַנט נישט געווען. האָט ער דעם ריז געהרגעט און די מוטער האָט ער צוגעבונדן צום בעט און האָט איר אַוועקגעלייגט אַ בינטל מיט היי און האָט איר געזאָגט: „דאָ האָסטו פֿאַר אַ יאָר צו עסן. און אַז כ'וועל צוריקקומען און דו וועסט נאָך לעבן, וועל איך זען ווײַטער, וואָס איך האָב מיט דיר צו טון." און ער איז צוריק אַוועק צו זײַן ווײַב.

אין אַ יאָר שפּעטער איז ער געגאַנגען ווידער זען זײַן מאַמען. האָט ער די מוטער געטראָפן טויט, האָט ער איר געטון איר רעכט. דערנאָך האָט ער אויסגערייניקט דעם פּאַלעץ און האָט געבראַכט זײַן װײַב, די פּרינצעסין, אַהין. און זיי האָבן זיך דאָרט באַזעצט און האָבן געלעבט גליקלעך.

זיי איז גוט,
און אונדז איז נאָך בעסער ;
זיי עסן דעם קוגל,
און אונדז לעקן מיר ס'מעסער.